ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי
שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## תצא

**(חלק כד שיחה ג)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תצא, ה׳-יא אלול, ה׳תשפ״ד (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תצא ג

א. בשייכות צום פסוק[1] „לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו", שטייט אין משנה (מס' בבא קמא[2]): „אחד שור ואחד כל בהמה . . א"כ למה נאמר שור או חמור אלא שדבר הכתוב בהוה", און די גמרא[3] איז מסביר אַז „כלאים דחרישה יליף שור שור משבת"[4] (דכתיב[5] שורך וחמורך וכל בהמתך, רש"י).

בפרטי הדין געפינט מען אַ מחלוקת הראשונים:

דער רמב"ם פסק'נט[6] „אחד שור וחמור ואחד כל שני מינין שאחד טמא ואחד טהור . . לוקה מן התורה" (און פירט אויס, „אבל מדברי סופרים שני מינין שהן כלאים בהרבעה (ד.ה. יעדע צוויי מינים (טהורים אָדער טמאים)) אסורים לחרוש בהם כאחד ולמשכן ולהנהיגם");

דער ראַ"ש שרייבט אויף דעם[7] „ואין דבריו נראין", און ער פסק'נט, אַז אפילו אויב שניהם טהורים אָדער שניהם טמאים, איז מען אויך עובר מן התורה.

און יסוד המחלוקת איז אין דעם פירוש פון דער משנה אין כלאים[8]:

די משנה זאָגט[9] „כלאי בהמה מותרים לגדל ולקיים ואינם אסורים אלא מלהרביע . . (און די משנה שלאח"ז איז ממשיך) בהמה עם בהמה וחי' עם חי' . . טמאה[10] עם טמאה וטהורה עם טהורה טמאה עם טהורה וטהורה עם טמאה אסורין לחרוש כו'".

לערנט דער ראַ"ש, אַז „מתניתין (די צווייטע משנה) כוללת יחד טמאה עם טמאה טהורה עם טהורה טהורה עם טמאה וטמאה עם טהורה", ד.ה. אַז דער איסור פון „כלאים דחרישה"[11] איז אויך דאָ ביי טמאה עם טמאה און טהורה עם טהורה.

דער רמב"ם אָבער לערנט (אין פירוש המשניות), אַז די ערשטע עטלעכע פאַלן (פון דער צווייטער משנה) קומען בהמשך צו איסור הרבעה פון דער ערשטער משנה, און בלויז די פאַלן „טמאה עם טהורה וטהורה עם טמאה" באַציִען זיך צום אויספיר פון „אסורין לחרוש כו'".

און דער פשט לויטן רמב"ם איז — ובפרט לויט זיין גירסא במשנה זו[12] אַז זי הייבט זיך אָן „במה דברים אמורים" (אַז זיי זיינען אסורים נאָר „מלהרביע") „בהמה עם בהמה כו', אבל טמאה עם טהורה . . אסורין (אויך) לחרוש כו'".

1) פרשתנו כב, יו"ד.
2) ספ"ה (נד, ב).
3) שם.
4) וכן הובא ברא"ש ב"ק שם ובהלכות קטנות הלכות כלאים ס"ה. רדב"ז על הרמב"ם הל' כלאים פ"ט ה"ח בתחלתו. אבל ראה תויו"ט ב"ק שם. וראה לקמן הערה 30.
5) ואתחנן ה, יד.
6) הל' כלאים פ"ט ה"ח. וראה פיה"מ ב"ק שם. כלאים פ"ח מ"ב. סהמ"צ מל"ת ריח.
7) בהל' קטנות שם. הובא בכס"מ לרמב"ם שם. ב"י לטויו"ד סרצ"ז ד"ה כל העושה.
8) ראה רדב"ז לרמב"ם שם ובפירושי ר' חיים פלטיאל עה"ת כאן (ירושלים תשמ"א).
9) פ"ח מ"א־ב.
10) במשניות דהרמב"ם (קאפח — משא"כ בפיה"מ שלפנינו) מכאן ואילך — הסדר מהופך וטהורה קודם, וצ"ע.
11) ל' הגמ' ב"ק שם.
12) ובמלאכת שלמה (כלאים שם) ובברכ"י (יו"ד סי' רצז סיו"ד) הובאה ג"כ גירסא זו, ושם גם הגי' במשניות „אבל טמאה עם טהורה כו'". וכ"ה בכמה כת"י דמשניות — ראה משניות זרעים עם שינוי נוסחאות (ירושלים, תשל"ב). וש"נ.

ויש לומר, אַז אויך סברא ישנה בדבר און די סיבת המחלוקת איז ניט (נאָר) מצד פירוש המשנה, נאָר מצד הסברא, ואדרבה — מצד זייער מחלוקת בסברא קומט אַרויס די מחלוקת אין פירוש המשנה (וקביעות הגירסא במשנה).

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט לערנען, אַז די מחלוקת באַשטייט אין דעם פירוש פון דעם כלל „דבר הכתוב בהוה" וואָס די משנה זאָגט אין ב"ק (אויך) בנוגע צו כלאי בהמה:

לויטן רא"ש, ווען מ'זאָגט „דבר הכתוב בהוה", מיינט עס לגמרי, נאָר דערפאַר וואָס עס איז „הווה". ד.ה. מ'קען גאָרניט ממעט זיין, שולל זיין דערפון וואָס תורה זאָגט „בשור ובחמור", דער איסור איז חל אויף אַלע בע"ח.

דאַקעגן לדעת הרמב"ם, איז כאָטש אַז מ'זאָגט „דבר הכתוב בהוה", איז ניט מסתבר צו זאָגן אַז ס'איז ניטאָ קיין שום לימוד פון דעם וואָס דער פסוק איז מפרט און זאָגט ניט סתם „כלאים" וכיו"ב. דעריבער זאָגט דער רמב"ם, אַז מ'לערנט דערפון אָפּ[13] בנוגע דעם סוג כללי, אַז עס מוז זיין אחד טהור ואחד טמא.

[און הגם אַז בנוגע די אַנדערע זאַכן אין דער משנה אין ב"ק (ווי „נפילת הבור" און „תשלומי כפל" וכיו"ב) האַלטן אַלע אַז דאָס מיינט כל בהמה וחי' ועוף, און דאָס וואָס תורה ברענגט שור וחמור איז בלויז מצד „דבר הכתוב בהוה", איז אָבער כלאים אַנדערש:

ביי „נפילת הבור" וכיו"ב, איז דער (עיקר ה)ענין — תשלומים פאַר נזק וכיו"ב פון דעם בעה"ב[14] איז ניטאָ קיין סברא צו מחלק זיין צווישן סוגי בע"ח וואָס מ'האָט מזיק געווען[15];

משא"כ ביי כלאים (דחרישה), וואו דער תוכן האיסור איז דער חיבור פון די צוויי מינים יחדיו, און תורה איז מדייק צו שרייבן (ניט „בהמתך" סתם, ווי ביי כלאים דהרבעה[16], נאָר) „בשור ובחמור" — לערנט מען דערפון, אַז דאָס איז נאָר במין טהור וטמא].

אָבער כד דייקת קען מען אַזוי ניט לערנען, ווייל ס'איז היפך המשמעות הפשוטה פון „דבר הכתוב בהוה", צו זאָגן אַז עס איז דאָ אַ דיוק.

ונוסף על זה: דער רמב"ם איז מפרש די משנה אין ב"ק, בנוגע צו כלאים דחרישה[17] אַז דאָס מיינט כל שני מיני בהמות (אויך טהור וטהור און טמא וטמא), נאָר ער לייגט צו „וזה מדרבנן אבל מן התורה אינו אסור . . אלא בהמה טהורה וטמאה בלבד דומיא דשור וחמור"; במילא איז מובן, אַז אויך לדעת הרמב"ם גייט דער כלל „דבר הכתוב בהוה" אין משנה אויף אַלע מינים[18]. קען

13) ראה לשונו בפיה"מ כלאים ובב"ק שם. רדב"ז שם בתחלתו.

14) ראה בגמרא ב"ק שם „כל דאית לי' בעלים". וכיו"ב. וראה ב"י לטור חו"מ ר"ס שפט ד"ה ומ"ש רבינו.

15) ושאני זה דלמדין (ב"ק כח, ב. וש"נ) „שור ולא אדם חמור ולא כלים" כפרש"י שם (נד, א) „שאינו מין בהמה". וראה פרש"י שם נג, סע"ב ד"ה שור. וראה לקו"ש ח"ו ע' 138.

16) קדושים יט, יט.

17) וצ"ע ברדב"ז לרמב"ם שם דכ' „והך דפ' הפרה נמי בכלאים דהרבעה היא ולא בכלאים דהנהגה דומיא דשור וחמור". ואולי מדייק בלשון הרמב"ם בפיה"מ (ב"ק) „אלא מאמרו לכלאים שהוא רומז למה שאמר לא תחרוש כו'", ואינו מפרש בכלל כלאים דהרבעה, לפי שזהו הפי' הפשוט במשנה. אבל ראה פיה"מ כלאים שם. וצ"ע.

18) וכן מוכח גם בפיה"מ כלאים שם (בסופו). וצ"ע כיצד יפרש הלשון „דבר הכתוב בהוה" על

מען ניט תולה זיין די הסברה פון שיטת הרמב״ם אין דעם פירוש פון „דבר הכתוב בהוה״[19].

ג. אין דעם טעם האיסור פון כלאים דחרישה געפינט מען דעות שונות:

יש אומרים[20] אַז דער איסור איז „משורש איסור הרבעת הבהמה כלאים״[21], ווייל „דרך כל עובד אדמתו להביא צמדו ברפת אחת וירכיב אותן״[22].

ויש אומרים[23], אַז „מטעמי מצוה זו ענין צער בעלי חיים״.

ועפ״ז אפשר לומר, אַז אין דעם באַ־שטייט די מחלוקת פון רמב״ם מיטן רא״ש:

לדעת הרא״ש איז דאָס „משורש איסור הרבעת בהמה״, ווייל סו״ס ברענגט די חרישה יחדיו צו הרבעה; ובמילא איז דער איסור גילטיק ביי אַלע צוויי מינים צוזאַמען, פונקט ווי ביי כלאים דהרבעה.

אָבער לדעת הרמב״ם איז דאָס מצד צער בע״ח —

און דעריבער איז דער איסור (מה״ת) נאָר ביי טהורה עם טמאה, בדוגמת שור וחמור, ווייל דוקא דעמולט איז דאָ דערביי דער טעם „שזה מעלה גרה וזה לא יגר וחושב שהלה אוכל ויש לו צער בע״ח״[24]. אָדער, ווי דער חינוך איז מסביר, אַז דער טעם פון דעם צער איז „שיש למיני הבהמה והעופות דאגה גדולה לשכון עם שאינן מינן וכל שכן לעשות עמהם מלאכה״, און דער עיקר צער איז „בשני מינין שהם כגון שור וחמור שהאחד טהור והשני טמא שטבעם רחוק מאד זה מזה״.

עס איז אָבער שווער צו לערנען אַז דער גאַנצער איסור פון כלאים דחרישה איז נאָר משום צעב״ח, וויבאַלד אַז אין תורה שטייט דער פסוק „לא תחרוש גו׳״ צווישן די פסוקים פון כלאים[25] (כלאי הכרם און כלאי בגדים)[26], און אויך אין משנה[27] זיינען די דינים (פון כלאים דחרישה) אין מס׳ כלאים און בחדא מחתא מיט „כלאים דהרבעה״[11].

ובפרט אַז דער רמב״ם אַליין איז מבאר אין מו״נ[28], אַז דער טעם פון כלאים דחרישה איז „כי אם יקבץ בין

---

ענין שהוא מדרבנן. וכ״כ במו״נ ח״ג פמ״ט. וי״ל שהוא ע״ד אסמכתא. וראה לקמן הערה 29.

19) ועוד: הרי בגמ׳ (ב״ק שם) ילפינן מכתובים „שור שור משבת״ „בהמתך בהמתך משבת״. וראה הנסמן לעיל הערה 4. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך דבר הכתוב בהוה. ב״ח חו״מ שם. לקו״ש שם ע׳ 131 וע׳ 138.

20) רמב״ן ובחיי כאן ובקדושים יט, יט. מו״נ שם. פענח רזא כאן. חינוך מצוה תקנ.

21) ל׳ החינוך שם.

22) ל׳ הרמב״ן שם ושם. ולהעיר דעפ״ז מצינו עוד מצוה דאורייתא מטעם סייג — ראה לקח טוב (להר״י ענגל) כלל ח.

23) חינוך שם. בעה״ת ובעה״ט ופענח רזא ופי׳ א׳ בחזקוני כאן. ועוד. וראה פי׳ ר׳ חיים פלטיאל שם. וראה ראב״ע כאן (ופי׳ הג׳ בחזקוני). אבל ראה מ״ש עליו הבחיי.

24) ל׳ הפענח רזא שם. ועד״ז הוא בבעה״ת ובעה״ט וחזקוני שם.

ואף שגם במינין טמאין יש מעלי גרה (הגמל וכו׳), י״ל, דכיון שע״ד הרגיל הוא בטהורים דוקא, לכן כל האיסור נאמר מלכתחלה בטהור וטמא, ועד״ד (ולא ממש) שמבאר במו״נ (ח״ג פל״ד) שהתורה על הרוב תדבר כו׳. ועצ״ע.

25) ראה בחיי כאן.

26) אבל י״ל שנאמר בתורה בסמיכות אף שאינו מאותו הטעם כיון שהפעולה יש בה דמיון לכלאים. וראה ראב״ע כאן וחזקוני כאן: ונסמכה כאן לפי שדבר לעיל בענין זריעה, ובשביל הזריעה סמך כאן שעטנז.

27) וכן ביד החזקה להרמב״ם (כנ״ל).

28) שם. ובחינוך שם: שרש המצוה כתב הרמב״ם שהוא משורש איסור הרבעת הבהמה כלאים כי דרך כו׳ (ומביא הלשון כברמב״ן פרשתנו כאן וקדושים שם).

**שניהם פעמים ירכיב אחד מהם על חבירו״[29].**

**ד. ויש לומר, אַז זייער מחלוקת איז צי דער ענין פון כלאים דחרישה איז אַ חלק פון כלאים דהרבעה, אָדער דאָס איז אַ דין בפ״ע[29*]:**

**דער רא״ש האַלט אַז כלאים דחרישה איז דער זעלבער ענין ווי כלאים דהרבעה, און דער רמב״ם האַלט אַז עס איז אַ ענין בפני עצמו[30].**

**און הסברת הפלוגתא (צי כלאים דחרישה איז דער זעלבער ענין ווי כלאים דהרבעה): כלאים איז תוכנו „עירוב״, „תערובת״[31]:**

**לדעת הרמב״ם איז דער איסור כלאים דהרבעה פאַרבונדן מיט אַ תערובת וועלכע איז ניכר וגלוי — אַלס תוצאה פון פעולת ההרבעה ווערט נוצר אַ ולד מיט אַ מראה מיוחד ותכונות גופו וכו׳ אַ מין חדש וועלכער קומט פון הרכבת שני מינין דוקא[32]; משא״כ ביי כלאים דחרישה איז דער ענין התערובת ניט משפיע וניכר אין דער חרישה וכו׳.**

**און דערפאַר איז לדעת הרמב״ם — זייענדיק כל אחד אַן ענין בפ״ע — אַ חילוק צווישן כלאים דהרבעה (אַז זיי זיינען ביי אַלע שני מינין), און כלאים דחרישה (דוקא מין טהור ומין טמא).**

**אָבער דער רא״ש האַלט, אַז בייביידן, סיי ביי כלאים דהרבעה סיי ביי כלאים דחרישה, איז דער איסור די** פעולה **פון מחבר זיין צוויי מינים — ובמילא איז ביי ביידן דער זעלבער דין.**

**ה. דער ביאור הנ״ל איז אָבער ניט אינגאַנצן גלאַטיק לדעת הרמב״ם:**

---

29) **ואף שאין הכרח שיתאים טעם המצוה במו״נ שם עם שיטתו** להלכה **בספר היד (ובסהמ״צ ופיה״מ), ובפרט בנדו״ד שבמו״נ שם מפורש „והראי׳ ע״ז היות הדין הזה כולל זולת שור וחמור אחד שור וחמור** ואחד כל שני מינין **אלא שדבר הכתוב בהוה״ (ועד״ז הוא בהעתקת קאפח), דלא כדעתו בהלכה* (ודוחק לומר שבמו״נ כתב הטעם והדין כפי שהוא מדרבנן, ומה״ת הוא מטעם צער בע״ח כנ״ל).**

**— מ״מ באם דעתו להלכה ביד** מיוסדת בטעם **האיסור, מסתבר שמתאים למ״ש במו״נ (ששם ביאר טעמי המצות) — משא״כ לפי הביאורים דלקמן ס״ד וה׳ (שאין יסודם בטעמי המצוה).**

*29) **בהבא לקמן ראה גם לקו״ש חל״ד ע׳ 6־125.**

30) **להעיר שבתויו״ט ב״ק שם פליג על דעת הרע״ב שם, דכלאים דהנהגה ילפינן שור שור משבת, וס״ל דלמסקנת הגמ׳ כלאים מכלאים ילפינן ולא צריכא קרא לחודא כו׳ דלמסקנא כלאים חד שמא ואין צריך אלא לאגמורי בחד והוא הדין לאידך דמשום הכי מתניתין נמי לא תנן אלא כלאים חדא וכללא לתרתי כו׳*.**

**והרי דעת הרע״ב שם היא כדעת הרמב״ם דמה״ת אינו חייב אלא בשני מינים שאחד טמא ואחד טהור (וראה רש״ש לתויו״ט שם). ובתויו״ט כלאים שם מ״ב, אף שהביא גם דעת הרמב״ם, מ״מ הביא ראי׳ לדעת הרא״ש. וראה קול הרמ״ז לתויו״ט ב״ק שם.**

31) **ת״א ותיב״ע עה״פ פרשתנו כב, ט. קדושים יט, יט. ועוד.**

32) **ראה בחיי פרשתנו עה״פ. רמב״ן קדושים יט, יט.**

---

*) אבל ראה חמדת ישראל על סהמ״צ להרמב״ם מל״ת ריח, דמדייק מל׳ הרמב״ם „אמנם מן התורה אינו חייב מלקות כו׳״ דמשמע דס״ל להרמב״ם דכל שני מינין אסורים מן התורה רק מלקות אינו חייב מה״ת אלא בכלאים דטומאה וטהרה. ולהעיר, דלשון הרמב״ם בהל׳ כלאים שם הוא „אבל **מדברי סופרים**״, וידועה דעת הרמב״ם (סהמ״צ שורש ב׳. פיהמ״ש כלים פי״ז מי״ב) שכל דבר הנלמד באחת מי״ג מדות נק׳ דברי סופרים, אף שלכמה מפרשים גם לדעתו הם מן התורה אלא שלא נמנו במנין המצות (מפרשי סהמ״צ שם (מג״א ומרגניתא טבא), מ״מ וכ״מ הל׳ אישות פ״א ה״ב. ועוד).

*) ולהעיר, דבפיה״מ ב״ק שם: אלא מאמרו לכלאים שהוא רומז למה שאמר ית׳ לא תחרוש בשור ובחמור. אבל בפרש״י במשנה ב״ק שם ד״ה לכלאים כתב (בפשטות) „להרבעה״, ומסיים „וכן לענין כלאים דהנהגה״. ובגמרא שם מקדים „כלאים דחרישה״ ל„כלאים דהרבעה״. וראה לעיל הערה 17. ואכ״מ.

פון דעם וואָס דער רמב״ם פסק׳נט אַז א) „מותר להכניס שני מינין לסהר אחד ואם ראה אותם רובעים זה את זה אינו זקוק להפרישן״[33], ב) „מי שעבר והרכיב בהמתו הרי הנולד מהם מותר בהנאה״[34], ג) דער איסור מה״ת איז דוקא ווען ער טוט די מעשה בידיו[35] — איז משמע, אַז באַ כלאים דהרבעה איז דער גדר האיסור ניט פאַרבונדן דערמיט וואָס דערפון ווערן נולד תולדות אין וועלכע ס׳איז ניכר וגלוי דער ענין ההרכבה, נאָר די עצם מעשה ההרכבה (ההרבעה) איז אסור[36].

ועפי״ז איז כלאים דחרישה אין גדר פון כלאים דהרבעה, ס׳איז „משם אחד״, ווי ס׳איז משמע אויך דערפון וואָס דער רמב״ם איז זיי כולל אין איין פרק (אין הלכות כלאים[37]) — וואָרום בייביידן איז דער זעלבער גדר האיסור — די פעולת החיבור.

ויש לומר טעם החילוק ביניהם:

דער תוכן פון איסור כלאים איז, וואָס מ׳איז מחבר צוויי זאַכן וועלכע זיינען בניגוד זה לזה, דורך דער פעולת האדם ווערט עס אַ חפצא פון כלאים[38];

אָבער דער אופן העירוב שלהם, איז ניט גלייך אין אַלע פאַלן, ס׳איז תלוי אין אופן החיבור:

ביי הרבעה, וואו דער חיבור איז בתכלית ובלשון הכתוב[39] והיו לבשר אחד, ווערט באַ יעדערע צוויי מינים אַ חפצא של כלאים — תערובות, ווייל דער חיבור פון יעדן מין האָט דער אויבער־שטער איינגעשטעלט דוקא „למינהו״; אָבער ביי כלאים דחרישה, וויבאַלד אַז זייער חיבור איז נאָר אין אַן ענין וואָס איז מחוץ להם, זיינען זיי ניט כלאים, סיידן די מלאכה וכו׳ ווערט געטאָן מיט צוויי סוגים[40] פון טהור וטמא, וועלכע זיינען הפכים אויך בענינים שמחוץ להם (בנוגע לאכילת האדם וכו׳)[41] — דעמולט ווערט עס אַ תערובות[42] — כלאים[43].

ו. דער ביאור הפלוגתא בפנימיות הענינים:

מ׳געפינט אין חסידות[44] צוויי ביאורי האיסור פון „לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו״:

א) „ענין הלאו דלא תחרוש בשור

---

33) הל׳ כלאים פ״ט ה״ב.

34) שם ה״ג.

35) שם ה״א. ועד״ז בסהמ״צ מל״ת ריז.

36) וכ״מ במו״נ שם בטעם איסור כלאי בהמה: „ומאסה התורה שישפיל איש מישראל מעלתו לזה המעשה כו״, עיי״ש.

37) בפ״ט שם.

ולהעיר מפיה״מ להרמב״ם כלאים שם (הובא בכס״מ לרמב״ם שם): אבל בהמה טמאה עם טהורה יש בה תוספת על איסור ההרבעה והוא שהם אסורים לחרוש כו׳.

38) להעיר מצפע״נ מהד״ת עו, סע״ד ואילך.

39) בראשית ב, כד.

40) ועפ״ז אולי יש לבאר טעם הדעות (ראה שעה״מ לרמב״ם הל׳ כלאים שם ה״ה קרוב לסופו. ועוד. וכ״כ בפי׳ ר׳ חיים פלטיאל שם) דלדעת הרמב״ם בהמה וחי׳ אפילו שניהם טהורים לוקה מן התורה, כיון דהוי שני שמות (שני סוגים), עיי״ש.

41) ולהעיר מלשון החינוך שם (הובא לעיל ס״ג) שטהור וטמא „טבעם רחוק מאד זה מזה״. וראה בארוכה במפרשי התורה בטעם מאכלות אסורות.

42) להעיר מדעת ולשון הרמב״ם הי״א שם ב„בהמת פסוהמ״ק . . עשאה הכתוב כשני גופין מפני שהיתה קודש ונעשית כקדש וכחול מעורבין זה בזה ונמצאת בהמה זו כבהמה טמאה עם הטהורה המעורבין כאחד כו״. וראה בארוכה בנו״כ שם.

43) להעיר מרשב״ם קדושים יט, יט.

44) בהבא לקמן ראה אוה״ת נ״ך ע׳ קלב ואילך. פרשתנו ע׳ תתקסא. ד״ה לא תחרוש תרכ״ז. ד״ה לא תלבש שעטנז תרע״ח. לקוטי לוי״צ משפטים ע׳ פט. ובהנסמן בכהנ״ל.

ובחמור יחדיו היינו להרחיק קליפת החמור שלא תקבל מבחי' הקדושה"[45].

ב) דער איסור איז ווייל „שור" איז בחי' גבורות און „חמור" איז בחי' חסדים — און „אסור לערבם יחד"[46].

ואלו ואלו דברי אלקים חיים[47], ויש לומר, אַז די צוויי ביאורים זיינען בהתאם צו דער פלוגתא פון רמב"ם מיטן רא"ש:

לויט שיטת הרמב"ם, אַז דער לאו פון „לא תחרוש" איז דוקא ביי מין טהור עם מין טמא, איז דער טעם האיסור אַז „קליפה" זאָל ניט מקבל זיין פון קדושה [וואָרום אַ מין טהור איז שרשו פון ק"נ וואָס קען נתעלה ווערן לקדושה, און אַ מין טמא איז שרשו פון גקה"ט[48]; איז בשעת מען טוט אַ מלאכה מיט אַ מין טהור צוזאַמען מיט אַ מין טמא — קען דער מין טמא „מקבל זיין" פון דעם מין טהור].

לויט שיטת הרא"ש, אַז דער איסור איז גילטיק ביי אַלע מינים, אפילו טהור עם טהור און טמא עם טמא, איז דער טעם האיסור ווייל עס טאָר ניט זיין דער עירוב פון מדות וואָס דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן — הפכיות.

ז. ע"פ הנ"ל יומתק נאָך אַן ענין: מובן אַז אַ מצוה, קדושה, תוספת אור — קען מאַכן שלום צווישן הפכים, ע"ד מש"נ עושה שלום במרומיו מיכאל שר של מים וגבריאל שר של אש ואין מכבין זה את זה[49], אָבער — ניט ח"ו (תוספת יניקה) קבלה בקליפה, וואָס דערפאַר איז ציצית, בגדי כהונה וכו' — מתיר נאָר כלאי שעטנז — וואָס צמר ופשתים זיינען היפך זמ"ז, אָבערביידע היתר,

און דאַמאָלס קען ווערן נאָכמער — אַ יתרון, בדוגמת בגדי כהונה „לכבוד ולתפארת" דוקא דורך צמר ופשתים יחדיו[50].

(משיחת ש"פ תצא תשמ"א)

---

45) סה"מ תרכ"ז ע' שעז. וראה זח"ג פו, ב. ת"ז תי"ד (ל, א).

46) לקולוי"צ שם. וראה אוה"ת שם.

47) עירובין יג, ב.

48) ראה תניא פ"ו ופ"ז.

49) כ"ה באגה"ק סי"ב. וראה תנחומא ויגש, ו. דב"ר פ"ה, יוד. ספר הבהיר (הובא בזח"א רסג א). ועוד. וראה אגה"ק שם. אוה"ת נ"ך שם.

50) ולהעיר דתפארת הוא דוקא בחיבור חו"ג וכו' (אגה"ק שם).